**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער האקול איבער שווערע וועטער ווארענונגען**

"שנעלע ווינטן און שווערע רעגנס פאראורזאכן שאדן אריבער גרויסע חלקים פון ניו יארק, באזונדערס אין צענטראל ניו יארק און אין די נארט קאנטרי. די נאציאנאלע וועטער סערוויס האט ארויסגעלייגט עטליכע טארנאדא ווארענונגען און עס זענען דא אומבאשטעטיגטע באריכטן איבער א טארנאדא זיך אראפלאזנדיג אויף לוּאיס און קאָרטלאנד קאונטיס; פלוצלינגדיגע פארפלייצונג ווארענונגען זענען יעצט אין קראפט פאר חלקים פון די נארט קאנטרי, צענטראל ניו יארק און מאוהאק וואלי ראיאנען. אונטער מיין פאראָרדנונג איז די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services) געשטאנען אין נאענטע פארבינדונג מיט באטראפענע קאמיוניטיס און עמערדזשענסי מענעדזשמענט מאנשאפטן צו אפפערן סיי וועלכע נויטיגע הילף. מיט נאך מער רעגן ערווארטעט איבערנאכט, איז דאס קריטיש אז אלע ניו יארקער זאלן האלטן אן אויג אויף זייערע לאקאלע וועטער פאראויסזאגער, זיך גרייטן פאר טוישנדע אומשטענדן און אויספאלגן שאסיי אפשליסונגען און אנדערע אנווייזונגען. און די וויכטיגסטע זאך — פרובירט נישט צו דורכפארן שטייעדיגע וואסער, אזא באשלוס קען זיך ארויסשטעלן צו זיין טויטליך."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418


זיך ארויסשרייבן